# א זעלטענע ל־ופט



ליעטניטעס: די דאטשע, וויזט אויס, איז שוין דא נאהענט...

# מאלי פיקאן און מאיר ווינדער

## א מאדערנע קללה

אין די טעאטער־קרייזן געהט איצט אום א נייע קללה: — זאלסט אזא הנאה האבען פון דיין לעבען ווי מאיר ווינדער פון מאלי פיקאנס בעווף אין לאדז.

# געענדערט איין ווארט

## אין דער דייטשער קאנסטיטוציע

ערשטער פונקט אין דער דייטשער קאנסטיטוציע לויטעט: — „לויט'ן געזעץ, זענען אלע בירגער גלייך". איצט האט היטלער צוגעגעבען איין ווארט: נאך דעם ווארט „בירגער", האט ער צו־געשריבען „גוייען".

# צו זיין געליבטע!

## געזונגען אין א שבועות־נאכט

א געזיכט — אלבאסטער, מיט רויזען־פארב א פראכט ;
הייצט ליפען רויטע און ברעמען פעך — שווארץ.
דאך ווייסט איהר, ווער עס האט איהר דאס געמאכט ?
— בלויז כעמיק און קאסמעטיק, זאגט עס מיר מיין הארץ.
ציינדלעך — פערל, א געלעכטער — זיס ווי האניג.
וואו זעהט מען אזא שמייכעל, אזא צויבעריש לאכען ?
געוואלט דעם אדרעס פון דער גרויסער טעכניק,
וועלכע קען אזעלכע ציינדלעך מאכען ?
ווי ענטציקט, ווי מאיעסטעטיש איז איהר טאליע, איהר פיגור !
וואס איז ווענוס געגען איהר ? נישט מעהר ווי א שאטב
באר געגן טרעף וואו ענדיגט זיך די נאטור —
און וואו הויבט זיך אן די פארב

ד' לאמאר.

# ווען דער מאן

## איז נישט אייפערזיכטיג

איך וועל מיין ווייבעל נישט זידלען, חלילה,
נישט זאגען גוי טוט מיך בעטריגען.
הערמיס, וואס אויף דאטשע זי האט צו א צווייטען
א ליבע א שטארקע געקריגען.
איך וועל גאר נישט פיהלען קיין קנאה קיין שנאה
דערפאר, וואס איך האב הייגט דערוואוסט זיך
אז זי האט איג'ם גוואלד זיך מיט איהם אונטערהאלטען
געשטיפט און געהאלזט און געקושט זיך.
איך וועל איהר נישט מאכען קיין פארוואורף אפילו
נישט ווייזען אז איך בין דאגעגען,
וואס זי האט אנומעלט אין שטוב איהם פערבעטען,
ער איז אויפ'ן שויס איהר געלעגען.
און זי האט געדרוקט איהם גאנץ פעסט צו איהר הארץ צו
און ער האט זיין קאפ דארט געהאלטען
איך בין איהר דאס מוחל כאטש איך האב געזעהען דאס

# לוסי און מישא

## א נייע חברותא וואס פיינינט אונז אין „סקאלא"

א מבין אויף דער דאזיגער חבריא?

געקומען פון אמעריקע א חברה קונדסים פוס־טעפאסטניקעס, אקטיארען און האבען זיך געמאכט א בעוועצעניש אין „סקאלא" האבען זיי זיך געמאכט און שפילען שטוקעס!

מילא, וואלטען זיי כאטש געשפילט שלעכט, וואלט מען געזעסען אין דער היים און שפילטס צוזעצט ערהייט.

געהען זיי אבער, די לידאקעס און דערלאנ־גען אזא שפיל, אז ס'צוגעהט ממש אין אלע אבריים און דו, ארימער מענש, מוזט זיצען אין מיטען זו־מער נאכט ביי נאכט אין טעאטער און שלינגען יעדעס וואָרט, יעדען קעהר און יערען ווענד פון די דאזיגע לייט, כאטש די נשמה גארט נאך אביסעל פאַזשעטושע!

נו, אדרבה, געה זיי א בריה און זיץ אין דער היים, בשעת דו ווייסט, אז די געראמאנס קומען פויר אין „מאמע און שוויגער".

און אונזערע „היימישע סוח־ים" האבען זיך גע'שמד'ש?

נו, געה זיי א בריה און זיץ אין דער היים!

# גרינע געדאנקען

— בייבאכט איז נישט געזונד צו עסען קיין פלייש, ווייל דער מאגען פערטראגט עס נישט. פערשטעה איך נישט: פון וואנען ווייס דער מאגען, אז ס'איז נאכט?

— שטארבט אנ'עושר, וואס האט נעהאט צוויי קינדער און איבער'געלאזט 100 טויזענד דאלאר — בעקומט יעדעס קינד צו העלפט.

שטארבט אנ'ארימאן, וואס האט פערמאגט א הארך־פעהלער מיט א הוסט און אויך איבערגע־לאזט צוויי קינדער — בעקומען זיי א דאפעלטע ירושה. איינער א הארך־פעהלער מיט א הוסט, דער צווייטער — א הוסט מיט א הארך־פעהלער.

— יודען שלאגט מען אויףביידע וועלטען: דא — ווייל ער איז א יוד. דארט — ווייל ער איז נישט געווען קיין יוד.

— יוד, וואס וויל נישט אויסזאגען זיין נא־מען, האט געשאנקען 100 זל. פאר פילאנטראפישע צוועקען.

אויב ער זאגט נישט אויס זיין נאמען און זוכט נישט קיין כבוד און באנקעטען, האבען מיר א חשד, אז ער איז נישט קיין יוד.

# אט, אנ'אידיאט!

ערשטע: זי וויסען פריי מאלאוואנקא איהנס נייער סובלאקאטאר זעהט אויס צו זיין א מאראוויש כלאפאק.

צווייטע: גייען זי שוין — אנ'אידיאט איז ער! נעכטען אין אוונד, ווען מיין מאן איז גע־פאהרען קיין ווארשא, איז פלוצלונג ביי מיר גע־ווארען א קאריך־שלוס, האב איך איהם ארייג־גערופען, ער זאל פאראריכטען. נו, וואס מיינען זי האט ער געטון? — ער האט געארבייט אגשר א שעה צייט ביז ס'איז געווארען ליכטיג — ביידע ווייבלעך צוזאמען — אזא אידיאט!...

אליין דורך די לאדענס דורך די שפאלטען...
איך גלויב, אז זיין ליבע צו איהר איז „פלאטאניש" —
ער מיינט נישט חלילה, קיין זינד גאר,
אויך זי איז נאך ערליך ווען איהם נישט בעז־
צווינגען: —
ער איז אונזער קליינינקער זוהנדעלע גאר...

חכם

# דער קונדס

● הומאר ● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 125
דינסטאג, דעם 30 מאי 1933

לכבוד שבועות

# דער ערשטער „ליעטניק"



וואס האט נישט מורא צו פאהרען אויף א דאטשע.

